# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון **יהדות**, **השקפה**, **עצות**, **און נאך**, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פרשת חקת
תשע"ח לפ"ק
גליון כ"ג

## שאלה

**איך האט געזאגט פאריגע וואך אז ס'איז נישטא אזא זאך ווי א שלעכטע וועטער. איז עס א חסרון אויב א מענטש האט מער הנאה פון א ווארימע, מילדע טאג, ווי א רעגנדיגע אדער זייער הייסע טאג?**

## ענטפער:

ווען א מענטש האט הנאה פון א געוויסע סארט וועטער, איז ער בארעכטיגט. עס איז גארנישט אומריכטיג דערמיט. און, נישט בלויז דאס, נאר ער איז א קלוגער מענטש פאר'ן עס אנערקענען. זיכער, אויב פארשטייט ער אז "אלע" וועטערס זענען גוט - טראצדעם וואס ער האט נישט אזוי הנאה דערפון, אבער ער פארשטייט עכ"פ אז עס איז פאר זיין טובה – איז ער נאך קלוגער. דער פאקט אז א מענטש האט הנאה פון א פרילינג-וועטער מער ווי סיי-וועלכער סעזאן, נעמט נישט אוועק פונעם פאקט אז ער קען פארשטיין מיט שכל אז זומער איז זייער וויכטיג. נאך אלעם, פרילינג-צייט איז נישט די צייט ווען די עפל ווערן רייף, ווען די בארן ווערן רייף. אין די זומער-חדשים הייבן זיי אן צו ווערן רויט. זייערע באקן הייבן אן צו צייגן א קאליר, וואס מאכט זיי מער און מער ציענד, בשעת זיי ווערן זיסער און ווייכער. און דערפאר, טראץ די היץ פונעם זומער, קען ער אנערקענען דאס גוטס, צוליב די ריוח וואס די זומער שטעלט צו.

איז דער פאקט אז איין סעזאן איז מער באליבט ווי דעם אנדערן, נעמט נישט אוועק פונעם פאקט אז דו דארפסט פארשטיין אז אלע סעזאנען זענען ווערדפול. און אזוי, אויב ביזטו א קלוגער מענטש, דאן לערנסטו זיך צו הנאה האבן די זומער-צייט. אה יא! די זומער איז אויך זייער ציענד. איר ווייסט, עס זענען דא ניגונים "אה, דער ליבער אוגוסט"... עס איז דא אזא ניגון, וואס זיי זינגען וועגן דעם חודש אוגוסט. עס איז דא א ניגון וועגן סעפטעמבער, "גארנישט איז ווי א סעפטעמבער אינדערפרי". אהה! א סעמפטעמבער אינדערפרי איז א תענוג. אויף יעדן חודש אין יאר זענען פאראן פאעזיעס. און מיר דארפן זיך לערנען צו זינגען די אלע געזאנגען – נישט די גוי'אישע ניגונים – די געזאנגען פון יעדן חודש. דו קענסט זינגען דיינע אייגענע ניגונים. אויב וועלן מיר זינגען אלע ניגונים, וועלן מיר זינגען אז יאנואר איז גוט. די דערפרישענדע קעלט פון יאנואר איז א ברכה. פעברואר, א מחיה! שפאציר אינדרויסן אום פאברואר, גוט אנגעטון, און האב הנאה פון די דערפרישענדע לופט. מארטש, אפריל, מאי; יעדע חודש האט זיין ברכה. ניסן, אייר, סיון, תמוז, אב, אלול; יעדע איינע פון זיי איז א צייט פון ספעציעלע ברכות. און דער מענטש וואס לערנט זיך צו אנערקענען דאס גוטס פון זיי אלע, איז א שמח בחלקו.

יעצט, איך האב דאס נישט אויסגערעכנט אין אונזער "5 מינוט א טאג פראגראם" וואס מיר האבן געלערנט וועגן דעם היינט נאכט, ווייל אויב וועלן מיר טון אונזער 5 מינוט א טאג, האב מיר שוין דערגרייכט גאר גרויס, און די 5 מינוט א טאג איז גענוג פאר יעצט. (די 5 מינוט א טאג פראגראם, איז א שיעור פונעם הגאון רבי אביגדור איבער א רייע פון מחשבות, וואס מען זאל שפענדן אויף זיי 5 מינוט א טאג, כדי צו שטייגן גאר גרויס.)

## שאלה

## דער רב האט גערעדט היינט נאכט איבער די חיוב אויסצונוצן אונזער טעג מיט הכרת הטוב אויף דעם אויבערשטענ'ס חסד צו אונז. וואס טוט זיך אויב א מענטש האט חלילה שטארקע יסורים וואס נעמט אוועק זיין מחשבה פון קענען אנערקענען די גוטע זאכן אין דער וועלט?

## ענטפער:

דאס איז א נסיון, א פראבע. עס איז נישט גרינג. אבער אפילו מיט שטארקע יסורים, דארף ער וויסן אז עס וואלט געקענט זיין פיל ערגער. איך וועל געבן א דוגמא. די יסורים פון נישט האבן קיין פונקציאנירנדע נירן איז גאר א גרויסע פיין. דער מענטש קען דארפן גיין, לאמיר זאגן, 3 מאל א וואך פאר דיאליסיס, יעדעס מאל פאר דריי שעה. אנשטאט זיינע נירן, דארף ער זיין צוגעבינדן צו א "נירן מאשין". דאס איז זייער א שווערע לעבן. עס איז א נסיון. אבער דאך, ער קען אויך זיין א סוקסעס. ווייל דער מענטש, טראץ אלע זיינע יסורים, דער פאקט אז ער האט נישט קיין "קאלאסטאמיע", און ער קען זיך רייניגן אין א נאטורליכע וועג איז גאר א גרויסע גליקליכקייט.

ווען א מענטש האט א קאלאסטאמיע חלילה, קוקט ער צוריק אויף די אלטע גוטע טעג. פארוואס האב איך עס נישט אנערקענט ווען איך האב געקענט פונקציאנירן אין א נארמאלע וועג? יעצט דארף ער ארומגיין צוגעבינדן צו א זעקל, פאר ווען ער רייניגט זיך. אבער אויך דער מענטש זאל זיין פרייליך אז ער קען לעבן מער וויינגער אין א נארמאלע וועג, טראץ זיין קאלאסטאמיע. ער האט נאך אלץ א הארץ וואס פונקציאנירט. צו האבן א פונקציאנירנדע הארץ איז א גרויסע שמחה. און דאס איז זיין נסיון – צו אנערקענען וואס ער האט יא.

יעדער זאל וויסן אז עס זענען דא זאכן וואס איז ערגער פון וואס ער ליידט יעצט. און אויב געוואוינט ער זיך צו אויסצונוצן זיינע יסורים זיך צו דערמאנען אז עס זענען דא געוויסע זאכן וואס ער באקומט נאך אלץ, דאן קען דער מענטש זיין אפילו א גרעסערע סוקסעס אין עבודת השם, מער פון אנדערע. געוויס, עס איז נישט גרינג. ס'איז א נסיון; אבער דער מענטש קען זיין א גרעסערע מוצלח ווי אנדערע. "לפום צערא אגרא" – די שכר איז לויט די שוועריקייטן. עס איז נישטא קיינער וואס לעבט, וועלכער האט נישט סיבות צו לויבן און דאנקען השי"ת.

## שאלה

## איז עס אן עבירה אריבערצופארן א רויטע לעקטער?

## ענטפער:

דער ענטפער איז אז עס איז זייער א גרויסע עבירה – איינס פון די גרעסטע עבירות. ערשטנס כל, לייגסטו דיין לעבן אין א סכנה. און א מענטש וואס לייגט זיך אריין אין א סכנה זאל וויסן אז אפילו הקב"ה האט אים געראטעוועט, וועט ער אראפרעכענען פון זיינע זכותים. עס וועט אים אפקאסטן אסאך יארן פון תפילין-לייגן! אסאך יארן פון תפילין! אסאך יארן פון קריאת שמע! "מנכין לו מזכיותיו" – השי"ת רעכנט אראפ פון א מענטש'ס מצוות ווען ער ראטעוועט אים פון א סכנה'דיגע סיטואציע וואס ער האט זיך אליינס אריינגעלייגט. דו וועסט אויסגעפונען אז דורכמאכן דעם רויט-לייט איז בכלל נישט ווערד געווען.

אין צוגאב צו דעם, האסטו אויך אריינגעליגט אנדערע מענטשן אין א סכנה, וואס איז גאר אן ערנסטע פארברעך. עס ווערט פאררעכנט ווי שפיכת דמים, אפילו דו האסט קיינעם נישט געהארגעט. וויבאלד דו לייגסט זיך אריין אין א מצב, וואס דו וואלסט ח"ו געקענט איינעם הארגענען, ווערסטו פארעכנט ווי א פאטענציעלע שופך דמים. און דאס איז אן איסערגעווענליכע עבירה. דו מוזט דאס פארשטיין. בלויז דערפאר אז ס'איז גארנישט געשען מיינט נישט אז דו ביזט נישט שולדיג. מענטשן וועלכע זענען פארנעכלעסיגט ביים דרייווען, טוען עפעס וואס איז פארקערט ווי דעם רצון השם און זיי זענען עתידין ליתן את הדין, פריער אדער שפעטער וועלן זיי באשטראפט ווערן.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

### די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

**צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק**

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

**(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויך לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)**

## כל טוב